36 איך זאָג אייך אָבער, אַז יעדעס פּוסטע וואָרט,
וואָס מענטשן וועלן רעדן, וועלן זיי מוזן אָפּגעבן
37 אַ חשבון דערפֿון אינעם יום הדין· וואָרום פֿון דיינע
ווערטער וועסטו גערעכטפֿערטיקט ווערן, און פֿון
דיינע ווערטער וועסטו פֿאַרמשפּט ווערן·
38 דעמלט האָבן אים אייניקע פֿון די סופֿרים און
פּרושים געענטפֿערט, אַזוי צו זאָגן: רבי, מיר ווילן
39 זעען אַ צייכן פֿון דיר! ער אָבער האָט ענטפֿערנדיק
צו זיי געזאָגט: אַ בייז און נואָפֿדיק דור באַגערט
אַ צייכן; און קיין צייכן וועט אים נישט געגעבן
40 ווערן אַ חוץ דאָס צייכן פֿון יונה הנביא· וואָרום
אַזוי ווי יונה איז געווען דריי טעג און דריי נעכט
אין די געדערעם פֿון דעם ריזנפֿיש, אַזוי וועט דער
בן־אדם זיין דריי טעג און דריי נעכט אין דעם
41 האַרץ פֿון דער ערד· די לייט פֿון נינוה וועלן
אויפֿשטיין אין דעם משפּט מיט דעם דאָזיקן דור,
און וועלן עס פֿאַראורטיילן; ווייל זיי האָבן תשובה
געטון אויף יונהס רוף; און זע, אַ גרעסערער ווי
42 יונה איז דאָ דאָ· די מלכה פֿון תימן וועט אויפֿשטיין
אין דעם משפּט מיט דעם דאָזיקן דור, און וועט עס
פֿאַראורטיילן; ווייל זי איז געקומען פֿון עק וועלט
צו הערן שלמהס חכמה; און זע, אַ גרעסערער ווי
43 שלמה איז דאָ דאָ· ווען אָבער דער אומריינער
גייסט גייט אַרויס פֿון דעם מענטשן, גייט ער איבער
ערטער, וואו עס איז קיין וואַסער נישטאָ, זוכנדיק
44 מנוחה, און געפֿינט נישט· זאָגט ער דעמלט: איך
וועל מיך אומקערן אין מיין הויז אַריין, פֿונוואַנעט
איך בין אַרויסגעגאַנגען; און ווען ער קומט,
געפֿינט ער עס ליידיק, אויסגעקערט, און אויסגע־
45 צירט· דאַן גייט ער, און נעמט מיט זיך זיבן אַנדערע
גייסטער, ערגערע ווי ער אַליין, און זיי גייען